# בעפאר דעם ברית

## וויאזוי צו באשיצן אייער ניי-געבוירן קינד פון הערפיס



6/10

ניו יארק סטעיט
העלט דעפארטמענט

2433

***מציצה בפה*** **וועלכע ווערט דורכגעפירט ביי טייל ברית'ן, איז באקאנט צו פאראורזאכן הערפיס ווירוס אינפעקציעס ביי קליינע קינדער. די העלט דעפארטמענט רעקאמענדירט אז עלטערן זאלן פרעגן דעם מוהל אויב ער פראקטיצירט** ***מציצה בפה*** **איידער אויסקלויבן א מוהל.**



CDC/ Dr. Fred Murphy; Sylvia Whitfield

פארגרעסערטע צעלן פון הערפיס סימפלעקס ווירוס

פילע משפחות ווילן רעספעקטירן רעליגיעזע טראדיציעס ווען זייערע קינדער ווערן געבוירן. אבער, א פראקטיק וואס ווערט אנגערופן *מציצה בפה*, וועלכע ווערט דורכגעפירט דורכאויס געוויסע רעליגיעזע ברית'ן, איז באקאנט צו פאראורזאכן הערפיס ווירוס אינפעקציעס ביי ניי-געבוירענע קינדער. עס איז נישט פאראן קיין שום באקאנטע מיטל צו עלימינירן דעם געפאר פון *מציצה בפה*, אבער עס זענען פאראן ווייניגסטענס צוויי מיטלען וועלכע קענען מעגליך רעדוצירן די געפאר פון אן אינפעקציע.

*מציצה בפה* ווערט דורכגעפירט דורך געוויסע מוהלים אין די אידישע געמיינדע. עס נעמט אריין אויסזויגן די ברית וואונד מיט די מויל. דעם מוהל'ס מויל און ליפן קומען זיך דירעקט צוזאם מיט דאס ניי-געבוירן קינד'ס פריש געמל'טע מקום המילה. די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט האט דאקומענטירט פעלער פון הערפיס אין ניי-געבוירענע אינגלעך נאך ברית'ן וועלכע זענען געמאכט געווארן מיט *מציצה בפה*. טייל פון די ניי-געבוירענע קינדער זענען געווארן ערנסט קראנק. איין קינד איז געשטארבן און צוויי אנדערע האבן געליטן פון מוח שאדנס.

צוליב דעם וואס די אימיון סיסטעם פון קליינע קינדער איז נאכנישט גענוג שטארק צו קענען באקעמפען אינפעקציעס, איז די הערפיס ווירוס זייער א ערנסטער געפאר פאר קליינע קינדער. אויב א מוהל איז אנגעשטעקט מיט מויל הערפיס, דאן קען זיין *מציצה בפה* פראקטיצירונג אויסשטעלן דאס קינד צו הערפיס ווירוס. כאטש עס פאסירט זעלטן אז א קינד זאל שטארבן פון דעם, איז פאראן א זיכערע געפאר פון אן אינפעקציע. אויב דאס קינד ווערט אנגעשטעקט, דאן וועט דאס קינד דארפן דורכגיין באהאנדלונגען אין שפיטאל. אפילו מיט די באהאנדלונגען, איז מעגליך אז דאס קינד וועט האבן לעבנסלענגליכע דיסעביליטיס.

די העלט דעפארטמענט טוט רעקאמענדירן אז קינדער וועלכע ווערן געמל'עט זאלן נישט דורכגיין *מציצה בפה*. כדי אייך צו העלפן באשיצן אייער קינד, ווילן מיר זיכער מאכן אז עלטערן פארשטייען דעם געפאר **איידער** די טאג פון די ברית, ווילאנג עס איז נאך דא צייט צו נעמען די נויטיגע באווארענונגען, אדער זיך אומקוקן אויף אנדערע מעגליכקייטן.

## פרעגן איבער *מציצה בפה* איידער די טאג פון די ברית

געוויסע עלטערן וועמענס קינדער האבן געהאט *מציצה בפה* זאגן אז זיי האבן נישט געוואוסט פון פריער אז דער מוהל וועט דאס מאכן. די העלט דעפארטמענט טוט רעקאמענדירן אז עלטערן זאלן פרעגן דעם מוהל אויב ער פראקטיצירט *מציצה בפה* בעפארן אויסוועהלן א מוהל. דאס וועט געבן פאר עלטערן צייט צו מאכן א פלאן לויט דעם, אריינגערעכנט, באטראכטן אנדערע מעגליכקייטן.

## וויאזוי *מציצה בפה* קען פארשפרייטן הערפיס

מער ווי העלפט פון אלע ערוואקסענע האבן מויל הערפיס. מויל הערפיס קען פאראורזאכן מויל ווייטאגן אבער מערסטנס טייל מענטשן מיט מויל הערפיס ווייסן נישט אז זיי זענען אנגעשטעקט און האבן נישט קיין סימפטאמען. מענטשען קענען פארשפרייטן הערפיס אפילו ווען זיי האבן נישט קיין סימפטאמען. ניי געבוירענע קינדער זענען אין א געפאר פון א ערנסטע אינפעקציע אויב זיי ווערן אויסגעשטעלט צו הערפיס. דאס איז ווייל זייער אימיון סיסטעם איז נאכנישט גענוג רייף צו קענען באקעמפן אינפעקציעס. ביי א *מציצה בפה*, טוט דער מוהל לייגן זיין מויל דירעקט אויפן פריש געמל'עטע מקום המילה צו ארויסזויגן בלוט פון דעם שניט. מויל הערפיס טוט זיך גרינג פארשפרייטן דורך שפייעכטץ. דאס איז נאכמער אזוי ווען שפייעכטץ וואס ערהאלט די הערפיס ווירוס רירט אן א שניט אדער א עפענונג אין די הויט, אזוי ווי ביי *מציצה בפה*. אויב דער מוהל האט מויל הערפיס קען זיין אז ער ווייסט אפילו נישט, און ער קען מעגליך בטעות אריבערפירן הערפיס צו דאס קינד ווען ער מאכט *מציצה בפה*.

## רעדוצירן דעם געפאר

עס איז נישט פאראן קיין אויסגעפרואווטע וועגן צו עלימינירן דעם געפאר פון *מציצה בפה*. דאך, אויב *מציצה בפה* ווערט דורכגעפירט טראץ די באקאנטע געפארן, זענען פאראן כאטש צוויי וועגן צו רעדוצירן דעם מעגליכע געפאר פון א אינפעקציע. איינס: דער מוהל קען נעמען אנטי-ווירול מעדעצין וועלכע קען רעדוצירן די געפאר פון פארשפרייטן הערפיס. צוויי: דער מוהל קען נוצן מויל-אויסשווענקונג מיט מויל-וואש וועלכע אנטהאלט אלקאהאל איידער *מציצה בפה*. אבער עס איז נישט פאראן קיינע באוויזן אז אונטערנעמען די שריט טוט עלימינירן דעם געפאר פון איבערפירן הערפיס דורך *מציצה בפה*, און מיט-דעם-אלעם קען א קינד ווערן קראנק פון הערפיס. פאר מער אינפארמאציע, רעדט ביטע מיט אייער קינדער דאקטאר אדער פאמיליע דאקטאר.

## פיל טוען נישט פראקטיצירן *מציצה בפה*

געוויסע רעליגיעזע רבנים טוען באטראכטן *מציצה בפה* אלס די איינציגע אננעמבארע מיטל ארויסצוזויגן בלוט פונעם ברית שניט. אבער, אנדערע נוצן אנדערע מעטאדן. ווי למשל, אמאל ווערט באנוצט א גלאזענע רער אדער א גלאזענע רער באהאפטן צו א גומענע שפיץ. דאס טוט ארויסציען בלוט אין א וועג וועלכע טוט נישט ארייננעמען דירעקטע קאנטאקט צווישן דעם מוהל'ס מויל און דאס קינד'ס שניט. אנדערע נוצן א ספאנדש אדער א סטעריליזירטע גאזע צו אוועקווישן דאס בלוט. אנדערש ווי *מציצה בפה*, איז נישטא קיין שום באווייז אז סיי וועלכע פון די פראקטיצירונגען פאראורזאכן אינפעקציעס.

**פאר מער אינפארמאציע איבער ברית'ן, רעדט צו אייער קינדער דאקטאר אדער פאמיליע דאקטאר.**